חיים גראַדע

# דער נס

ווייל אַלץ וואָס איך בוי איז געבויט אויפן נס
וואָס איך בין געבליבן, באַפאַלן מיך שרעקן,
ווען דו גייסט אַוועק אויף אַ שעה אין מעת־לעת,
די פּוסטקייט זאָל פּלוצעם פאַר מיר ניט אַנטפּלעקן,
אַז דו ביסט אין מיינע דמיונות בלויז דאָ;
ווייל אַלץ וואָס איך בוי איז געבויט אויף אַ וואונדער,
און גייסטו אַוועק אויף אַ שעה, ווערט די שעה
אַ לאַנג־אויסגעצויגענער שטומער יאָרהונדערט.
איך זע, אַז פון נעפּל און רויך איז מיין הויז,
דאָס וואַסער איז ווידער אַרויס פון די ברעגעס,
און דו ביסט אַ חלום, אַן אויסדאַכטונג בלויז,
און אַלץ וועט פאַרשווינדן אין איינציקע רגעס.

אַמאָל גיי איך איבער אַ גאַס און איך פרעג:
בין איך ניט אַ גרוב אַ באַרעקטע אַריבער?
ווייל זינט איך האָב וואונדער געזען אויף מיין וועג,
איז זע איך אַ וועלט פון פאַרהוילענע גריבער.
אַמאָל בלייב איך שטיין ביי מיין הויז און פאַרגעס
אַז דאָס איז מיין הויז, און מיין האַרץ טוט אַ וואָיע;
ווייל אַלץ וואָס איך בוי איז געבויט אויף אַ נס,
איז ווערט עס אין אויגנבליק תוהו־ובוהו.
דער נס מאַכט מיך קראַנק, גרוי־געעלטערט און מיד,
און בלויז אין געדעכעניש בין איך נאָך ייִנגער?
איז לעב איך אַזוי ווי דער קריגס־אינוואַליד
מיט שפּירונגען פון אָפּגעשאָסענע פינגער.

# אַז מיר וועסטו ניט זען דאָס אייגענע געשטאַלט

אַז מיר וועסטו ניט זען דאָס אייגענע געשטאַלט,
ווי איינער זעט ניט אין דער פינצטער אין זיין צימער.
אַז מיר ביסטו אַ פענצטער, וואו ס'האָט אָפּגעשטראַלט
אַ זונפאַרגאַנג, וואָס שטאַרבט מיט אַ געהיימען גלימער.
דיין האַרץ איז קאַלט, און דיר וועט זיין אין זומער קאַלט,
ווען אויף דיין לעבן וועט ניט פאַלן מער מיין שימער.

איך בין פאַרפייניקט־מיד פאַר וועלן זיין אַ גאָט,
פאַר וועלן דיין געמיט אין פייער איבערקנעטן,
אַז ניט די קליינע פריידן פון דער גרויסער שטאָט,
נאָר איין געבענטשטע פרייד זאָלסטו ביים הימל בעטן.
האָסטו אין מיר דעם מייסטער פון דיין בילד פאַרשפּאָט,
און איצט ביסטו אַ פרוי וואָס וועלקט — און ניט קיין געטין.